רעצענזיעס

„בראָשים און טעג", אי. קיפּניס. אַ כראָניק קאָאָפּ. פ'„קולטור-ליגע", קיעוו 1926, 150 ז. *)

אי. קיפּניס רופט אָן זיין בוך „אַ כראָניק". ס'איז באמת אַ כראָניק פונם שטעטל סלאָוועשנע. עס הויבט זיך אָן בערך אין יאָר 1919. ס'איז בירגער-קריג, באַנדעס טוישן זיך, מ'פּאָגראָמירט יידן. אָן אויסנאַם איז דאָס שטעטל סלאָוועשנע, אַ פאַרגעסענע העק. דאָ, אין סלאָוועשנע, „רעדט" מען, „מ'דערציילט" פון דעם, וואָס ס'טוט זיך אַרום. אַ געמיש פון נאַיווקייט, בטלנות און קליינשטעטלדיקער גוטמוטיקייט. סלאָוועשנער יידן זענען עפּעס זיכער, אַז זיי וועלן די אַלע צרות אויסמיידן, כאָטש ס'פאַלן אַריין פון צייט צו צייט קיין סלאָוועשנע היימלאָזע, וואָס דערציילן פון שחיטות און רויבערייען. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון בוך הויבט אויך סלאָוועשנע אָן צו פילן דעם אַלגעמיינעם חורבן אויף דער אייגענער הויט. אין סלאָוועשנע קומט פאָר אַ מוראדיקער פּאָגראָם. ווער ס'האָט געקענט, איז אַנטלאָפן. די איבעריקע האָט מען אויסגעקוילעט... דערנאָך קומען אָן באָלשעוויקעס. אין שטעטל ווערט ווידער שטיל און רויק, ווי ס'איז געווען...

די כראָניק איז אָנגעשריבן אין אַ „איך"-פאָרם. דער דערציילער איז אַ גאַרבער, אַ פאַרליבטער יונגערמאַנטשיק, מיט זיין יונג ווייבל בוזי. דאָס בוך הויבט זיך אָן ווי אַ אידיליע. באַרייַדעוודיק, זוניק-פאַרליבט ווערט דערציילט פון דער אייגענער ליבע, פון טאַטע-מאַמע, פון שכנים. אַייזיק (אַזוי הייסט דער גליקלעכער יונגערמאַנטשיק) קויפט זיך אַ קו, האָט שטאַרק ליב די שוויגער און פירט צו ביסלעך מחלוקת מיטן טאַטן. די פאָרם פון שרייבן דערמאָנט אין שלום-עליכמען און דער עיקר — אין שלום-עליכמס באַקאַנטע דערציילונג „בוזי". עס איבערצייגט נישט אַזוי דאָס בילד, ווי דער פאָלקסטימלעכער, קינדערשער אַרט דערציילן, די תמימותדיקע יונגלערישע באַמערקונגען. אָט למשל:

זינט איך לעב האָב איך באַקומען צוויי בריוו פון בוזין: איינעם אַ לשון-קודשן פון 5 ווערטער, און איינעם אַ יידישן פון 15 ווערטער. אוןביידע זענען זיי געווען אַזעלכע שטאַרקע, ווי זיבנאונפופציקער מיט ניינציקער געמישט, און אַזעלכע גוטע, אַז אין משך פון אַ צייט נאָכאַנאַנד האָסטו זיי געפילט...

די דאָזיקע פאָרם פאַרבלייבט אויך שפּעטער, ווען אין סלאָוועשנע ווערט אַ בהלה. דער מחבר גיט די געשעענישן נאָר אויף ווי ווייט זיי האָבן אַ ווירקונג אויף דעם פאָרפאָלק, וואָס בלייבט, אגב, אויסערן שטעטל. ס'דוכט זיך, אַז דעם מחבר איז אוממעגלעך געווען זיך אָפּצורייסן פון דער העלקייט און וואַרעמקייט. דער איבערגאַנג פון דער גרויסער שלוה צו דער גרויסער מהומה קומט דערפאַר אַרויס נישט באַמערקט. דער תמימותדיקער טאָן פון „איך און בוזי" איז אין אַ פּאָגראָם-געשיכטע נישט גאָר אויפן אָרט. דאָ פאָדערט זיך שוין שטאַרקע שילדערונג, אַ אינטענסיוו זעען פון אויג, ווייניק רייד און אפילו ווייניקער ליריזם. אי. קיפּניסעס חנעוודיקע באַמערקונגען זאָגן דאָ ווייניק. אָט דערציילט מען אייזיקן, אַז מ'האָט געפונען הערשע יאַנטלס געקוילעט מיט אַ קאָסע. אייזיקס מחשבות זענען אַזעלכע:

...הערשקע יאַנטלס? מיין באַלעבאָס?... הערשקע איז נאָר וואָס געקומען פון דער מלחמה און קוים אויפגעקליבן זיין געזינד. ביי הערשקען זענען די האָר אויפן קאָפּ, ווי ביי אַ באַראַנטשיק, געקרויזטע און שטאַרק שוואַרצע. אומגערן האָב זיך ביי אים געטראָפן אַזעלכע האָר... געוויס האָבן זיך ביי אים אויסגעשמירט זיינע שוואַרצע באַראַנטשיקעס אין בלוט. .

און לסוף:

...דערנאָך... האָט מיר בוזי געהאַט אַ שיינינק מיידעלע. מיר האָבן געוויינט, מיר האָבן געלאַכט און מיר האָבן זי אַ נאָמען געגעבן חיהלה.

*) קאַפּיטלען פון דעם ווערק זענען געווען געדרוקט אין די „ליט. בלעט."

דערנאָך... האָבן די באָלשעוויקעס צונויפגערופן אַן אסיפה און זיי האָבן געזאָגט: חברים, פויערן און בירגער פון סלאָוועשנע. וואַשט אָפּ אייער פלעק און שיקט איירע זין אין דער רויטער אַרמיי!..."

דער מחבר האָט געוואָלט געבן די נאַטירלעכע געזונטע, פרייד, וואָס קיין שום בלוט-באָד קען זי נישט אָפּוואַשן; די ווידערגעבורט און אָפּטימיזם, וואָס קומען נאָך אַלע צרות. אָבער ער האָט נישט גובר געווען זיין מאַטעריאַל, נישט אויסגעפירט קינסטלעריש און ממילא בלייבט דאָס ווערק (די אַנדערע העלפט) אַ כראָניק, כאָטש פול מיט אַ סך אויפבליצן פון טאַלענט.

דאָס בוך איז אַ טאָפּלט נייעס אין דער יידיש-רוסישער ליטעראַטור. קודם-כל האָבן מיר דאָ צו טון מיט אַ גאַנצע זאַך אויף 150 זייטן, וואָס איז אין דער יידיש-רוסישער ליטעראַטור אַ זעלטנהייט. אַממיינסטן מערקווירדיק איז דער צוריקגאַנג צו רעאַליזם און פשטות. די שפּראַך איז אַ פאַרשטענדלעכע און פשוטע. די שילדערונגען זענען טריי.

איציק קיפּניס איז ביז איצט באַקאַנט דעם יידישן לייענער דורך זיינע האַרציקע, ליבע קינדער-מעשיות. דאָס בוך „חדשים און טעג" איז אַ באַווייז, אַז זיין טאַלענט קרעפּטיקט זיך.

י. ב.

שריפטן נ. ח. גאָגאָל באַנד I. יידיש פ. היילפּערין. פאַרלאַג ב. קלעצקין 1926, 336 ז.

צווישן די גרויסע הומאָריסטן פון דער וועלט-ליטעראַטור פאַרנעמט דער רוסישער געניאַלער הומאָריסט אַ חשובן און אייגנאַרטיקן אָרט. נישטאָ כמעט קיין איין שטעלע אין זיינע ווערק, ווו איר זאָלט שפּירן און זען דעם לאַכנדיקן פנים פונם שרייבער, ווי דאָס טרעפט ביי דיקענס, דאָדע, טווען און אונזער שלום-עליכם. תמיד שטייט ער אָן אַ זייט פון זיין אייגענעם געלעכטער, און זיין הומאָר איז שווערמוטיק, ווי דאָס לעבן פונם רוסלאַנד, וועלכע ער שילדערט.

אַחוץ דער דאָזיקער שווערמוטיקייט פון זיין הומאָר, טיילט אים אויך אויס פון צווישן די אַנדערע הומאָריסטן זיין צאַרטער ליריזם און זיין מעכטיקער פּאַטאָס, וואָס דערגרייכט, ווי אין „טאַראַס בולבאַ", למשל, צו טראַגישע הויכקייטן.

דער דאָזיקער ערשטער באַנד פון גאָגאָלס שריפטן אַנטהאַלט אַ ריי קלענערע דערציילונגען פון נ. גאָגאָל, צווישן זיי די באַרימטע „געשיכטע וועגן דעם, ווי עס האָבן זיך צעקריגט איוואַן איוואַנאָוויטש מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטשן", וואָס גיט אַזאַ שוידערלעך בילד פון אָפּגעשטאַנענעם געמוזעכץ פון פריצישן פּאָנשטשינע-רוסלאַנד. די איבערזעצונג איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכע און אַ גוטע, כאָטש ערטערווייז כאַפּן זיך אַריין אַזעלכע זאַצן. למשל: „גלייך ווי איבער קיעוו פלעגט זיך לאָזן הערן דער גאַנץ הילכיקער סעמינאַרן-גלאָק, וועלכער איז געהאָנגען ביי דעם טויער פון ברודער-קלויסטער, האָבן (?) תיכף פון דער גאַנצער שטאָט מענגעסווייז די שילער און די בורסאַקעס אַוועקגעלאָזן זיך איילנדיק". „די אָנגעגעבנטע פויערים", אַנשטאָט די „באַגעגנטע", „אָנגעטראָפענע". אַמאָל איז די איבערזעצונג פון אַ פּראָזע לגמרי נישט געלונגען. למשל, די באַרימטע פּראָזע, מיט וועלכער גאָגאָל פאַרענדיקט זיין „געשיכטע וועגן איוואַן איוואַנאָוויטשן מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטשן": „רבותי, ס'איז אומעטיק אויף דער דאָזיקער וועלט" (אַ פּראָזע, וואָס קען געשטעלט ווערן אַלס מאָטאָ איבער גאָגאָלס גאַנצן שאַפן) איז איבערזעצט: „לאַנגווייליק אויף דער וועלט, מיינע הערן".

ס'וואָלט געווען אַ יושר, אַז נ. גאָגאָלס שריפטן זאָלן נישט בלייבן שטיין ביים ערשטן באַנד, און אינגיכן זאָלן מיר האָבן אין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער איבערזעצונג אויך זיינע גרעסערע אומשטערבלעכע ווערק „די טויטע נפשות" און „טאַראַס בולבאַ", ובפרט, אַז איצט, צוליבן 75-טן יאָרצייט, האָט זיך דערוועקט אַ שטאַרקער אינטערעס צום געניאַלן רוסישן הומאָריסט.

י. ר.